בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת אֱמוֹר

תשפ"א

הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאלְן מִיר זִיךְ נָאכְאַמָאל טְרֶעפְן אֵיידֶערְ'ן עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ?...א

וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אִיז מֶען יוֹצֵא אוֹיךְ אָן פַארְשְׁטֵיין? ............................................................................................ב

וִוי אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ אִינֶעם יוֹם הַחוּפָּה?................................ז

דַארְף מֶען נִישְׁט שֶׁעלְטְן דִי רְשָׁעִים?.............................................ח

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּ הָאבְּן נָאר אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן? .......י

בַּיי וֶועמֶען זָאל אִיךְ קוֹיפְן נַייעֶ מְזוּזוֹת? ............................יג

אִיךְ פִּיל זִיךְ וֶוערְדְלָאז, וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ? ....................יד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה מִיט דִי גֶעלְט פוּן שַׁדְכָנוּת .................א

אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן ......ג

זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי שִׂמְחָה מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן ............................ה

פְּרוּוְוען זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁמַאטֶעס.................................................ו

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ ...........ט

אֲפִילוּ וֶוען מֶען לַיידְט פוּן עֶלְטֶערְן, דַארְפְן מֶען זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין ..............................................................................................................י

חִינוּךְ אִיז אַ פִּיר אוּן צְוַואנְצִיג שָׁעָה'דִיגֶע אַרְבֶּעט ...................יב

בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים נֶעמְט מֶען אָן אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם...יד

אִיךְ קוּק אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר צוּ זַיין צְווִישְׁן דִי בֶּערְג.................. טו

צְוֵויי יָאר זַייט דִי גְרִינְדוּנְג פוּנֶעם שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.......... טז

נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ ....................................יח

גֶעבְּן דָאס גֶעלְט פַאר דִי צָרְכֵי הַקְּהִלָּה ............................. יט

דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין ........................כ

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּיינִיגְן ....................................כ

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שׁוּתְּפוּת, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט לַיידְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן ................................................................ כג

זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל ....................................כד

אַ מְלַמֵּד בּוֹיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל ...........................................כו

מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ..............כח

נִישְׁט זִיךְ אַלֵיין אַרָאפְּקְלַאפְּן ....................................כח

שֵׁיין מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי הֲלָכָה אַזוֹי קְלָאר ........................... כט

אִין זְכוּת פוּן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אִינְטֶערְנֶעט, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער ................................................................ל

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דֶעם גִלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ ...... לא

אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ קוּמְט מֶען אָן צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן..................לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאלְן מִיר זִיךְ נָאכְאַמָאל טְרֶעפְן אֵיידֶער'ן עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; עֶס גֵייט נִשְׁט דוּרְךְ אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִשְׁט לֶערְנֶען מַיינֶע קְבִיעוּתְ'דִיגֶע שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה אוּן אִיךְ טוּ אַסַאךְ הֲפָצָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ; מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פוּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע מִשְׁפָּחָה, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גוּט נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוּן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי מֵיידְל, אוּן אִיךְ אוֹיךְ; אִיךְ וֵויים נָאר נִשְׁט אוֹיב אִיךְ דַארְף זֵיי זָאגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ טוּ אִין הֲפָצָה, אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ טַאקֶע אוֹיפְהֶערְן טוּן הֲפָצָה?

בִּכְלַל וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען דָא וַוייטֶער? דַארְף מֶען זִיךְ מֶער נָאכְפְרֶעגְן, דַארְף אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל טְרֶעפְן מִיט אִיר, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָא אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף נָאךְ טוּן פַארְ'ן עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דִי מֵיידְל אִיז אַן עֶרְלִיכֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע, אַ צַדֶיקֶת - זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער מִיטְ׳ן שִׁידוּךְ.

רֶעד נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער; רֶעד נִישְׁט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, רֶעד נִישְׁט פוּן הֲפָצָה; דִי אַלֶע זַאכְן קֶענְסְטוּ טוּן, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין רְשׁוּת פוּן קֵיינֶעם. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן ווִי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין שְׁוֶוער, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ - וֶועט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֵיין אִין וֶועג, דוּ וֶועסְט קֶענֶען מַאכְן הֲפָצָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶעס.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ נָאכְצוּמָאל טְרֶעפְן; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, אַז דוּ שְׁפִּירְסְט דוּ ווִילְסְט מֶער מְבַרֵר זַיין, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ נָאכְצוּמָאל גֵיין אוֹיף אַ בֶּעשָׁאוֹ. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ וֵוייסְט שׁוֹין גוּט וָואס דוּ ווִילְסְט, דוּ בִּיסְט הֶעכְסְט צוּפְרִידְן, קֶענְסְטוּ שׁוֹין גֵיין צוּם לְחַיִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אִיז מֶען יוֹצֵא אוֹיךְ אָן פַארְשְׁטֵיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִבְרֵי חִיזוּק וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִין

שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז בַּיי תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אִיז מֶען יוֹצֵא לִימוּד הַתּוֹרָה אוֹיךְ אָן פַארְשְׁטֵיין. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט גֶעקֶענְט אָנְצֵייכֶענֶען אַ מַרְאֶה מָקוֹם דֶערְצוּ; אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אִין הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה אָבֶּער לֵיידֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער מָגֵן אַבְרָהָם זָאגְט לְגַבֵּי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נ, סְעִיף קָטָן ב׳): "[אִם אֵינוֹ מֵבִין] אֵינוֹ נִקְרָא לִימּוּד", אוּן אַזוֹי פַּסְקְ׳נְט דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב: "אִם מוֹצִיא בִּשְׂפָתָיו, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ מֵבִין אֲפִילוּ פֵּרוּשׁ הַמִּלּוֹת מִפְּנֵי שֶׁהוּא עַם הָאָרֶץ, הֲרֵי זֶה מְקַיֵּם מִצְוַת וּלְמַדְתֶּם; וּלְפִיכָךְ כָּל עַם הָאָרֶץ מְבָרֵךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה בַּשַּׁחַר לִפְנֵי הַפְּסוּקִים וְכֵן כְּשֶׁעוֹלֶה לְסֵפֶר תּוֹרָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק ב׳, סְעִיף יב)".

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶער דוֹר אַ מַתָּנָה טוֹבָה, אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען - אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", וֶוען מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, ווייל דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט שְׁוֶועֶרֶער דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס

פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף", און אויב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, "יָבִין אַחַר כָּךְ", וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, "וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ", און אויב מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, "מַה בְּכַךְ" - אִיז וָואס? אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פון אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג ע"א; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר", אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיְּלַמֵּד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז פון לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין. וַוייל דָאס אִיז אַ גָאר גוּטֶע עֵצָה צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען, דוּרְךְ דֶעם וֶועג קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען און אָנְקוּמֶען צוּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און בַּיים סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיטְ'ן צִיל גְלַייךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַלֶע דִקְדּוּקִים.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט און מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע ווָארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט און גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ, מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וְוִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח), עַיֵּין שָׁם.

דֶער רֶבִּי קוּמְט נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף דִי הֲלָכָה, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ וֶועג וְוִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ הֲבָנַת הַתּוֹרָה; דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט אַ שְׁטִיקְל פוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט אַייךְ גוּט אִיבֶּער קְלֶערְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר אוֹיף דִי וֶועלְט. וֶוען מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין אִין דָאס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נִישְׁט מֶער וְוִי אַן אוֹיגְן בְּלִיק, וְוִי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְּלִיעט דוּרְךְ, אָט אִיז מֶען דָא אוּן אָט גֵייט מֶען שׁוֹין צוּרִיק אִין דֶער עֶרְד.

אוּן דַאן, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּכַאפְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו) "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְהָאָדָם לֹא כֶסֶף וְזָהָב, וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד" - עֶס בַּאגְלֵייט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, אוּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע דִיאמַאנְט שְׁטֵיינֶער, נָאר תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר גֶעדֶענְקֶען דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס אִיז דֶער "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", וָואס דוּרְךְ דִי

גְרִינְגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין אַדוּרְךְ צוּ גֵיין אוּן דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן מַמָּשׁ אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, דֶעם גַאנְצְן רַמְבַּ"ם, טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע סָארְט מִדְרָשִׁים, דִי גְרוֹיסֶע מִדְרָשִׁים אוּן דִי קְלֶענֶערֶע, סִפְרָא, סִפְרִי אוּן מְכִילְתָּא, אַלֶע סִפְרֵי הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אַלֶע כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל, אַלֶע חַסִידִישֶׁע סְפָרִים פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר, אַלֶע סִפְרֵי פּוֹסְקִים, אַלֶע הֲלָכָה סְפָרִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דָאס וֶועט אִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דָאס אִיז אֵייעֶר עַשִׁירוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.** אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעמָאסְטְן לוֹיט וִויפִיל תּוֹרָה עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלַייסְט צוּ לֶערְנֶען אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי תּוֹרָה אִיז דִי חָכְמָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה, נֶעמְט עֶר אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס חָכְמָה, אוּן דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאר טוּן. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו') "אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ד, ב) כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ" - עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא גוּטֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי תּוֹרָה. אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז נָאר חָשׁוּב תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, זֶעט צוּ בַּאשְׁטִימֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ אַרָאפּ גַנְבְ'עֶנֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, גֶעדֶענְקְט גוּט אַז נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אַייךְ. וִויפִיל מֶען כַאפְּט אַרַיין אִיז גוּט, "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אֶת לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם". זֶעט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טַייעֶרֶע צַייט מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן, וִוי לָשׁוֹן הָרַע, רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת א.א.וו. זֶעט צוּ אַנְטְלוֹיפְן יֶעדְן טָאג צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת

נֶפֶשׁ.

וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ען מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד". "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'" - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען וִוי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

ווארוּל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר פַארְוָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נָאר צוּ טוּן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט כְּדֵי מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען מַמָשׁ "תּוֹרָה לִשְׁמָהּ" מֶען לֶערְנְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן, צוּ הֵייסְן אַ רָב, אַ לַמְדָן, אַ צַדִיק אָדֶער אַ בַּעַל מְקוּבָּל, מֶען לֶערְנְט נָאר פָּשׁוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר פָאלְגְן מִיט דֶעם וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט", עַד כַּאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִינֶעם יוֹם הַחוּפָּה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כַּלָה בָּרוּךְ הַשֵׁם אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וָואס מֶען דַארְף טוּן אִין דֶעם גְרוֹיסְן טָאג פוּן יוֹם הַחוּפָּה, אִיז דָא עֶפֶּעס גֶעשְׁרִיבֶּענֶע תְּפִילוֹת פַאר אַ כַּלָה אִין יוֹם הַחוּפָּה? אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס צוּ טוּן אוּן בֶּעטְן אִין דֶעם

טָאג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**צוּ דִי כַּלָּה תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**יֶעצְט בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער, מֶען זָאל קֶענֶען בּוֹיעֶן אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה, בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.**

**זַייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוערְט מֶען צֶעדְרוּקְט פוּן גְרוֹיס דְרוּק אַז מֶען דַארְף אַרַיינְכַאפְּן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט; זַייעֶר אַסַאךְ חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת וֶוערְן פוּל מִיט נֶערְוְון בְּיוֹם חוּפָּתָם פוּן דְרוּק אַז מֶען דַארְף אַרַיינְכַאפְּן.**

**אָבֶּער אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זָאגְן: ״אִיךְ דַאנְק דִיר טַאטֶע, אִיךְ לוֹיבּ דִיר פָאטֶער פַאר אַלֶע חֶסֶד אוּן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר״ - דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ רוּאִיג.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת.**

...

## דַארְף מֶען נִישְׁט שֶׁעלְטְן דִי רְשָׁעִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן אַלֶעס מְקַיֵּים צוּ זַיין.

אִיךְ וויל נָאר אִיבֶּערְפְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט נִישְׁט צוּ שֶׁעלְטְן; וָואס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ זֶע אַ רָשָׁע, אַ כּוֹפֵר, אָדֶער אַ רָשָׁע וָואס אִיז מֵסִית?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שֶׁעלְט נִישְׁט קֵיינֶעם, לָאז אָפּ דִי זַאךְ פוּן שֶׁעלְטְן; בֶּענְטְשׁ יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואס וֵוייסְטוּ וֶוער עֶס אִיז אַ פָּשׁוּט׳עֶר רָשָׁע אוּן וֶוער עֶס אִיז אַ רָשָׁע? וָואס וֵוייסְטוּ וֶוער אִיז אַ כּוֹפֵר? לָאז אָפּ דִי וֶועג.

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי לִיכְטִיג צוּ מַאכְן, אָדֶער אַוֶועקְטְרַייבְּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט אָדֶער אָנְצִינְדְן אַסַאךְ לִיכְט; וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף דִי וֶועג פוּן שֶׁעלְטְן הָאט עֶס אַ פָּנִים וִוי מֶען טְרַייבְּט אַוֶועק טוּנְקֶלְקֵייט, עֶס וֶוערְט נִישְׁט וֵוייניגֶער טוּנְקֶל, ווִידֶערְאוּם אַז מֶען צִינְדְט אָן לִיכְט, מֶען טוּט גוּטְס, מֶען אִיז עוֹסֵק אִין מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הַפָּצָה, מֶען אִיז מְקָרֵב אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט וֶוערְט לִיכְטִיג, עֶס גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע טוּנְקֶלְקֵייט, אַלֶע רְשָׁעִים אוּן אַלֶע כּוֹפְרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן, נִישְׁט שֶׁעלְטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט דַיין הַנְהָגָה, דוּ שֶׁעלְטְסְט וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת קְלָלָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א׳): ״אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתּוֹהוּ״, דֶער וָואס שֶׁעלְט אִיז אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ, עֶר לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה, בַּיי אִים אִיז אַלֶעס תֹּהוּ וָבֹהוּ; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: ״הָרָגִיל בִּבְרָכָה, הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן״, וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אִיז אִין עוֹלָם הַתִּיקוּן; דֶער אִיז אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דָאס וַוייזְט אַז דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים גַאנְץ.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְהֶערְן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין; דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן מִיט אַ דָאקְטֶער, מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן פְּלוּצְלוּנְג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען מֶען צוּרִיקְקַפּאלְן אוּן עֶס קֶען וֶוערְן עֶרְגֶער; גֵיי צוּם דָאקְטֶער אוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער וֶועט דִיר זָאגְן - אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שִׁידוּךְ; דוּ זַיי מִתְפַּלֵּל אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶער מֶען בֶּעט אוֹיף דֶעם - אַלְץ נֶענְטֶער קוּמְט דֶער שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

### וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּ הָאבְּן נָאר אַ כָּשֵׁרְ׳עֶ טֶעלֶעפָאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶעם שִׁיעוּר פוּן דֶעם זוּנְטָאג, פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן נָאר אַ כָּשֵׁרְ'עֶ גוּט גֶעפִילְטֶערְטֶע טֶעלֶעפָאן. אִיךְ הָאבּ בִּיז יֶעצְט אוֹיךְ גֶעהַאט מַיין טֶעלֶעפָאן טֵיילְוַוייז גֶעפִילְטֶערְט, אָבֶּער יֶעצְט ווִיל אִיךְ קוֹיפְן אַ גֶענְצְלִיךְ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ ווִיל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

אוֹיךְ וויל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב וּבְנָקֵל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י׳ אִיָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק, זַיי קְלוּג אוּן זַיי פָאלְגֶעדִיג; קוֹיף דִיר נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אִין דֶעם עֲבֵירוֹת.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָיוֹן פוּן הָאבְּן מִיט זִיךְ דִי כֵּלִים אוֹיף וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת מִסוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ; דִי כֵּלִים הָאבְּן שׁוֹין אוֹיסְגֶערִיסְן טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - הָאט מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן הַארְץ, זָאלְסְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת; אוֹיפְ'ן מִינוּט וֶועט דִיר עֶס אֶפְשָׁר נִישְׁט זַיין אַזוֹי בַּאקְוֶועם, אָבֶּער דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין מֶער בַּאקְוֶועם, דַיין עָתִיד וֶועט דִיר זַיין מֶער בַּאקְוֶועם; דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מוּטְשֶׁען אִין לֶעבְּן.

דִי כֵּלִים אִיז אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ טְרָאגְן מֶענְטְשְׁן צוּם טוֹיט; דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה,

דֶעמָאלְט דַארְף עֶר שוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ; עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ וִוי שְׁטַארְק עֶס צִיט דִיר צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אִין דֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ עוֹמֵד צוּ זַיין בְּנִסָּיוֹן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; אַ שִׁידוּךְ מִיט טַעַם, אַ שִׁידוּךְ מִיט חֵן; אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְהוּדָה הֶחָסִיד דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן שפז): "אָדָם אֶחָד הִתְעַנָּה כַּמָּה יָמִים שֶׁיַּזְמִין לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִשָּׁה שֶׁהוּא אוֹהֵב", אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ גֶעפַאסְט אַז עֶר ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פְרוֹי וָואס עֶר הָאט לִיבּ, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שִׁידוּךְ, "וְלֹא נִתְקַיֵּם תַּעֲנִיתוֹ וּתְפִלָּתוֹ", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען זַיין גֶעבֶּעט מִיט זַיינֶע תַּעֲנִיתִים, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת צוּם צַדִיק: "פַארְוָואס הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן!" הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט דַיין בַּאשֶׁערְטֶע זִיווּג?" דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ פָּארְט נִישְׁט גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן, עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט: אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעפַאסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט טוֹישְׁן דִי גְזֵירָה אוּן מִיר אָנְשְׁרַייבְּן דִי שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ הָאבּ לִיבּ, "אָמַר הֶחָכָם: ׳מִפְּנֵי שֶׁאַתָּה צוֹפֶה בַּנָּשִׁים׳", הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל דוּ קוּקְסְט אוֹיף פְרוֹיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר נִישְׁט נָאכְגֶעגֶעבְּן דַיין גֶעבֶּעט, "זֶה הַצַּעַר הַבָּא עָלֶיךָ בִּשְׁבִיל שֶׁהָיִיתָ צוֹפֶה בַּנָּשִׁים, וְזִמֵּן לְךָ מַה שֶׁלֹּא מָצְאָה חֵן בְּעֵינֶיךָ", דַיין גַאנְצֶע צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז וַוייל דוּ הִיטְסְט נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע שִׁידוּךְ אָן קַיין חֵן.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזּוּק נִישְׁט צוּ גֵיין קוֹיפְן קַיין טֶעלֶעפָאן אוּן אַנְדֶערֶע כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס מֶען קֶען זֶען אִין דֶעם

שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּיי וֶועמֶען זָאל אִיךְ קוֹיפְן נֵייעֶ מְזוּזוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף יֶעצְט קוֹיפְן נֵייעֶ מְזוּזוֹת, אוֹיב וִויל אִיךְ בַּאשְׁטֶעלְן בַּיים הֵיימִישְׁן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סוֹפֵר, וֶועל אִיךְ דַארְפְן וַוייטֶער בִּיז'ן קוּמֶענְדִיגְן ווִינְטֶער. אִיךְ קֶען יֶעצְט קוֹיפְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן סוֹפֵר וָואס עֶר הָאט מְזוּזוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין פוּן וואו עֶר הָאט עֶס בַּאקוּמֶען, עֶר זָאגְט אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט פוּן עֶרְלִיכֶע סוֹפְרִים. קֶען אִיךְ אִים גְלֵייבְּן אוּן קוֹיפְן דִי מְזוּזוֹת בַּיי אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ דַארְפְסְט נֵייעֶ מְזוּזוֹת, דִי אַלְטֶע זֶענֶען נִישְׁט כָּשֵׁר - וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה בִּכְלַל? גֵיי קוֹיף מְזוּזוֹת בַּיי אַן עֶרְלִיכְן סוֹפֵר; יֶעדֶע רֶגַע וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מְזוּזָה הָאט מֶען מְבַטֵּל גֶעוֶוען אַ מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה.

וֶועגְן אַ חֻמְרָה ווִילְסְטוּ מְבַטֵּל זַיין אַ מִצְוָה?! זֵייעֶר פֵיין אוּן וואוּיל צוּ נֶעמֶען מְזוּזוֹת בַּיי אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סוֹפֵר, אָבֶּער בְּלַייבְּן אָן אַ מְזוּזָה וַוייל דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סוֹפֵר הָאט נִישְׁט קַיין מְזוּזוֹת?! דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמז) אַז מֶענְטְשְׁן וֶועגְן חוּמְרוֹת זֶענֶען זֵיי אַלֶעס מְבַטֵּל.

לָאז אָפּ דֶעם סוֹפֵר; אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מְזוּזוֹת גֵיי קוֹיף מְזוּזוֹת. קוֹיף טֵייעֶרֶע מְזוּזוֹת, מְהוּדָר'דִיגֶע מְזוּזוֹת; זַיי נִישְׁט ווִי דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס

הָאט נִישְׁט גֶעשִׁיקְט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֵדֶר, בַּיים סוֹף זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

בִּזְכוּת מְזוּזָה זָאלְסְטוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## אִיךְ פִּיל זִיךְ וֶוערְדְלָאז, ווי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ פַאלְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען מַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק ווי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע שׁוּלְדִיג, אָבֶּער עֶס אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶען פוּן מַיין מַצָּב מִיט אַזֶעלְכֶע גֶעפִילְן.

וֶוען אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ, אַזוֹי ווִי לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא אָדֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, גְלֵייבּ אִיךְ נִישְׁט עֶכְט אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר; דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער - דָאס גֵייעֶן אַלֶע אַרִיבֶּער, אַלֶע שְׁפִּירְן דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט. דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אוֹיף דִי וֶועלְט, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר ווִיל

אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִים תַּעֲנוּגִים אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן פוּן מַלְאָכִים. מַלְאָכִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרָע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת פַּרְנָסָה, זֵיי זֶענֶען אַ שְׁטִיק פֵייעֶר, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג; דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶעם קְלֵיינֶעם מֶענְטְשְׁ׳ל מִיט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס וַוארְפְט אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר פְּרוּבִּירְט וָואס עֶר קֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): "כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְצָת בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס ווֵייסְט אַבִּיסְל וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הוּא יוֹדֵעַ שֶׁעִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא רַק שֶׁאֲנַחְנוּ מֵעוֹלָם הַזֶּה הַשָּׁפָל נְגַדֵּל וּנְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶער ווֵייסְט אַז דֶער עִיקָּר תַּעֲנוּג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז ווֶען מִיר אִידְן פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע ווֶעלְט זָאלְן אִים דִינֶען, "וְזֶהוּ עִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג אוּן זִיסְקֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זָאלְן אִים דִינֶען; אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיים דַאווֶענֶען (מוּסָף לְיוֹם כִּפּוּר): "וְאָבִיתָ תְּהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר מִקְּרוּצֵי חֹמֶר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶערְט גֶעלוֹיבְּט דוּרְךְ שְׁטִיקֶער בְּלָאטֶע וְכוּ', "כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ שְׂרָפִים וְחַיּוֹת וְאוֹפַנִּים וְעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם עוֹבְדִים אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ בְּרֶענֶעדִיגֶע מַלְאָכִים, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן חַיּוֹת, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן ווֶעגֶענֶער, אַזוֹיפִיל ווֶעלְטְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאַף עַל פִּי כֵן עִקַּר הַתַּעֲנוּג וְהַשַּׁעֲשׁוּעַ שֶׁלּוֹ כְּשֶׁעוֹלֶה לְמַעְלָה הָעֲבוֹדָה שֶׁל עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה", דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶער הַנָאָה פוּן מִיר וָואס מִיר זֶענֶען דָא אִין דִי ווֶעלְט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער זַיי שְׁטַארְק, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים. דוּ שְׁרַייבְּסְט: 'אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט ווֶערְד'; דָאס דַארְף דִיר נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, ווַייל אוֹיבּ בִּיסְטוּ טַאקֶע גָארְנִישְׁט ווֶערְד - אִיז דָאךְ יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס דוּ טוּסְט זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן קְדוּשָׁה טוּט עֶפֶּעס גוּטְס - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ מֶער פוּן דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי ווַייט.

דֶער צַדִיק קוּקְט אַנְדֶערְשׁ ווִי מִיר קוּקְן, דֶער צַדִיק זוּכְט אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס גוּטְס; עֶר טְרֶעפְט גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשְׁן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּחוּמִין הֲלָכָה ו, אוֹת ו): "אֲפִלּוּ אִם אֵין מוֹצְאִין בּוֹ כִּי אִם זְכוּת אֶחָד מִנִּי אֶלֶף", אֲפִילוּ דֶער צַדִיק טְרֶעפְט נָאר אֵיינֶעם מֶענְטְשׁ אַ טוֹיזְנְטְסְטְ'ל, אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, "וַאֲפִלּוּ אִם יֵשׁ בְּאוֹתוֹ הַמִּצְוָה וְהַזְּכוּת עַצְמוֹ רִבּוֹ פְּסֹלֶת וְאֵין בּוֹ כִּי אִם אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבוֹת אֶחָד מֵאֶלֶף בְּאוֹתוֹ זְכוּת עַצְמוֹ", אוּן אֲפִילוּ אִין דֶעם פִּינְטְל אַלֵיינְס, אִין דֶעם טוֹיזְנְטְסְטְ'ל גוּטְס וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶעטְרָאפְן, אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁלֶעכְטְס - מַאכְט דֶער צַדִיק אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם אוּן דְרֵיידְט אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לב.): "אֲפִלּוּ אִם בְּאוֹתוֹ הַמַּלְאָךְ עַצְמוֹ תְּשַׁע מֵאוֹת תִּשְׁעִים וְתִשְׁעָה חֲלָקִים לְחוֹבָה וְאֶחָד לִזְכוּת, נִצּוֹל גַּם כֵּן", אֲפִילוּ אֵינֶעם מַלְאָךְ הַמֵּלִיץ וָואס אִיז נָאר אַ טוֹיזְנְטְסְטְ'ל, אִיז אוֹיךְ דָא אִין אִים אַלֵיינְס נַיין הוּנְדֶערְט נַיין אוּן נַיינְצִיג סְבָרוֹת צוּ זָאגְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ - וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעראַטֶעוֶועט; זָאגְט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח (תְּהִלִּים צב, יג)", דֶער צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן תָּמָר, תָּמָר אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תְּמוּרָה-אוֹיפְטוֹישְׁן, דֶער צַדִיק טוֹישְׁט אוֹיף, עֶר מַאכְט פוּן שְׁלֶעכְט - גוּט, עֶר דְרֵיידְט אִיבֶּער אַלֶע מְקַטְרְגִים - זֵיי זָאלְן וֶוערְן מְלִיצִים.

חוּץ פוּן דֶעם, אִיז דָאס נִישְׁט אֱמֶת; דוּ בִּיסְט יָא וֶוערְד, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיסְטוּ זֵייעֶר וֶוערְד; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט קֵיינֶעם אַוֶועק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, "אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל", עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן אֵיינֶעם, "הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה", דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ אָן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶפְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ. קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, אַז דַיין תּוֹרָה אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד; שֶׁקֶר וְכָזָב! דִי תּוֹרָה אִיז יָא וֶוערְד, יֶעדֶעס וָוארְט גְמָרָא וָואס מֶען לֶערְנְט אִיז וֶוערְד. דִי קְלִיפּוֹת

צִיטֶערְן פוּן דִי תּוֹרָה, בִּפְרַט פוּן גְּמָרָא, וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רִיד).

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶפֶּענֶען דַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן אַ תְּפִלָּה אוּן אַ גֶעבֶּעט, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶפְן מִיר מַיין מוֹיל; אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ פַאלְן! וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף זִינְדִיגְן! אִיךְ זִינְדִיג אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה וָואס דָאס פַארְדְרֵייט מִיר מַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, עֶס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי נַארִישֶׁע יֵצֶר הָרָע"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בֶּעטְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם פְּרַט, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזוּק, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּנְדָאסְנֵיי מִיט שִׂמְחָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה מִיט דִי גֶעלְט פוּן שַׁדְכָנוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף עֶנְדִיגְט דֶער סוֹפֵר יֶעצְט שְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה, דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין שְׁטֶעטְל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פַאר׳ן לֵיינֶען, פַאר׳ן זָאגְן אַקְדָּמוּת.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בַּיים עֶנְדִיגְן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר זֶעקְס יָאר צוּרִיק, מַיין שְׁוָואגֶער הר״ר ..., אַ זוּן פוּן מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ״א - אִיז דֶער סוֹפֵר, אַ חָשׁוּבְ׳עֶר אִינגֶערְמַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אִיךְ הָאבּ מִיט אִים אָפְּגֶעמַאכְט אַז וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן גֶעלְט וֶועט עֶר שְׁרַייבְּן. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעשְׁרִיבְּן מִיט גֶעלְט פוּן שַׁדְכָנוּת; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי מִצְוָה, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל אוֹיךְ הָאבְּן דִי זְכוּת צוּ קֶענֶען מַאכְן שִׁידוּכִים; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען צֶענְדְלִיגֶער שִׁידוּכִים.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א, אַדְמוֹ״ר מִקַּארְלְסְבּוּרְג, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה מִיט גֶעלְט פוּן שַׁדְכָנוּת הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, ״דוּ הָאסְט מְקַשֵּׁר גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע

מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה - פְּרִיָה וְרִבְיָה, מִיט דִי לֶעצְטֶע מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה - שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה; מִיטְ'ן מַאכְן שִׁידוּכִים הָאסְטוּ דָאךְ אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָה וְרִבְיָה".

בְּנוֹגֵעַ דַאוֶוענֶען יוֹם טוֹב וָתִיקִין; קֶענְסְט מַאכְן אַ מִנְיָן וָתִיקִין, אָבֶּער אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַאוֶוענֶען וָתִיקִין. בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען כַּמָּה פְּעָמִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין אוּן כַּמָּה פְּעָמִים אִיז גֶעוֶוען אַז מוֹהֲרָא"ש אִיז אַהֵיים נָאכְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִנְיָן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי וָתִיקִין אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַ צְווֵייטֶע מִנְיָן, דוּ קֶענְסְטוּ אוֹיךְ מַאכְן אַזוֹי, עֶס זָאל זַיין אַ מִנְיָן וָתִיקִין פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען צֶען דְרַייסִיג.

זֶע צוּ רֶעדְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן עֶפֶענֶען דִי הֶערְצֶער פַאר דִי גֶעסְט וָואס ווִילְן מִיטְהַאלְטְן שָׁבוּעוֹת אִינְאֵיינֶעם. זֵייעֶר אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם, אַסַאךְ שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אַסַאךְ ווֵייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועם צוּ פְרֶעגְן; עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שֵׁיין אַז מֶען וֶועט זַיין אִינְאֵיינֶעם, מֶען וֶועט זִיךְ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן פוּן פְרִישׁ מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; שָׁבוּעוֹת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי גַּבָּאוּת'שַׁאפְט; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן גְרוּסְן פוּן גֶעסְט וָואס ווֵיילְן שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, פוּן דַיין פָּארְלֶערְנֶען. אֵיינֶער זָאגְט מִיר: "עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען דֶער וָואס לֶערְנְט פָאר - דֶער זֶעלְבֶּער רֵיינִיגְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; דֶער וָואס לֵיינְט, דֶער בַּעַל קוֹרֵא - דֶער פַּאקְט דִי סְפָרִים; דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר וָואס לֶערְנְט פָאר - דֶער קֶערְט אוֹיף דִי שׁוּל"; דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט הֵיימִישׁ, ווַייל אִין יְשִׁיבָה אִיז אַלְץ אַזוֹי גֶעוֶוען; דֶער וָואס הָאט אַ גֶעפִּיל - דֶער טוּט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס זָאל זַיין, אִיז עֶס רוּימֶען; אִיז עֶס פָּארְלֶערְנֶען; אִיז עֶס צַאמְנֶעמֶען דִי סְפָרִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם גֶעפִּיל - דֶער שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט.

דֶערְמַאן זִיךְ וֶוער עֶס הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל, וֶוער אִיז גֶעקְרָאכְן אִין דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער, ווִינְטֶער פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן

זוּמֶער פַארבְּרֶענְט גֶעוָוארְן; נָאר דִי אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל, דִי בָּחוּרִים וָואס פַארְפֶעלְן נִישְׁט קַיין ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - דִי זֶענֶען גֶעוֶועןאִין וַואלְד פַאר וָואכְן און חֲדָשִׁים מַאכְן דִי צוֹים, נָאר דִי וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל.

הַלְוַאי זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ אַפָּאר מִיט וֶועם צוּ גֵיין צוּם טִישׁ, וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער רוּקְן אוֹיף פָּארְאוֹיס; הַלְוַאי זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ אַפָּאר וָואס זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ גֵיין וואוֹינֶען אֲפִילוּ אִין בּוֹיבֶּערִיק - צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, אָן קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן; דָאס בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן זָאל זַיין זֵייעֶר בַּאקְוֶועמְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן קַיין שׁוּם שָׂכָר; דָאס הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן זָאל זַיין אוּנְזֶער גְרֶעסְטֶער פַארְגֶענוּגְן.

...

## אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ צוּ דְרוּקְן דִי גִלְיוֹנוֹת און קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִלְיוֹנוֹת און קוּנְטְרֵסִים; אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, מֶענְטְשְׁן שְׁרַייבְּן פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווִי זֵייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ פָּשׁוּט גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן פוּן דִי

גִלְיוֹנוֹת, דִי קוּנְטְרֵסִים, דִי דִיבּוּרִים.

מֶענְטְשְׁן דַאנְקֶען מִיר, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז דָאס אִיז נִישְׁט מַיינֶע דִיבּוּרִים, דָאס אִיז מוֹהֲרָא"שׁ; אִים קוּמְט דֶער יְיַשֵׁר כֹּחַ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרִיבֶּער פַאר אוּנְז אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. מֶען הָאט אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מְבַזֶה גֶעוֶוען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע בִּזְיוֹנוֹת, נִישְׁטָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרִיבֶּער פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אָפָּאר טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַוֶועק לֵיל שִׁישִׁי פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבָט, תשע"ה; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבָּת פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט קוּים גֶעקֶענְט רֶעדְן, עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל יְסוֹד וְשֹׁרֶשׁ הָעֲבוֹדָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכב), אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גֶעקְלַאפְּט מִיט זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אִיבֶּער גֶעשְׁפְּרִינְגֶען!" אַזוֹי וְוִי אֵיינֶער ווִיל בַּאוַוייזְן עֶפֶּעס אוּן עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען, דֶער צַדִיק הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען דִי אַלֶע יָארְן אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר בַּאוואוּנְדֶערְט דָאס וָוארְט. הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַּאטְשׁ"; עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּאטְשְׁן אוּן גֶעזָאגְט: "מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג, אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט; מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט אַזוֹיפִיל שׂוֹנְאִים, עַד הַיּוֹם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס".

אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר רֶעדְן אִיז דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אַלֶע גִלְיוֹנוֹת, בְּרִיוו - אַלֶעס אִיז נָאכְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט עֶס פַאר נָאךְ אִידְן אוּן הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן זִיךְ צוּ מְתַקֵן זַיין, צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי שִׂמְחָה מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַייךְ צוּ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, גֵייט מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען גֵייט אִין שְׁפִּיטָאל, מֶען גְרֵייט זִיךְ פַּאר אַ שִׂמְחָה - וֶוען מֶען גֵייט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי וֶוען מֶען גֵייט אָן אֱמוּנָה אוּן אָן בִּטָּחוֹן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מֶער פַארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד, מֶען זָאל זָאגְן מִזְמוֹר לְתוֹדָה (תְּהִלִּים, קַאפִּיטְל ק), מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז אַ גֶעזַאנְג וָואס מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְתוֹדָה אוֹתִיּוֹת תּוֹלָדָה"; אוֹיךְ דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מִ'זְמוֹר לְ'תוֹדָה [מ' ל'] בַּאטְרֶעפְט זִיבֶּעצִיג, דָאס אִיז דִי ע' קָלִין וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת פִּנְחָס, רמט) וָואס דִי יוֹלֶדֶת דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין קוֹדֶם דִי הוֹלָדָה.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אַרִיבֶּער צוּ גֵיין אַלֶעס בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּרוּוְוּוּ זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁמַאטֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַייךְ, אִיר פְלֶעגְט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ; לֶעצְטְנְס הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיף זִיךְ צוּ בַּאקְלָאגְן, אִיר רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז "פְּרוּיעֶן זֶענֶען שְׁמַאטֶעס"; "פְּרוּיעֶן זֶענֶען אוֹיסְגֶענוּצְט"; "פְּרוּיעֶן זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּ לַיידְן". אוֹיךְ פַארְשְׁטֵייט אִיר נִישְׁט וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַ קִינְדֶערִישֶׁע זַאךְ, אִיר פְרֶעגְט: "וָואס פֶעלְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע זַאךְ?" אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט מִיט אַייךְ פַּאסִירְט.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיר זָאלְט צוּרִיק הָאבְּן דֶעם טַעַם אִין לֶעבְּן וִוי אַמָאל; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער פַאר אַייךְ, אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ וִויל זֵייעֶר אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַזוֹי וִוי שָׁנָה רִאשׁוֹנָה.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע וֶועלְט; אַלֶעס הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן נָאר פַאר דִי אִידְן, זֵיי זָאלְן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט גֶעוַוארְט אוּן גֶעצִיטֶערְט בִּיז דֶעם טָאג וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל נֶעמֶען דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט דִי וֶועלְט אַז זֵיי וֶועלְן נָאר זַיין וֶועלְט אוֹיבּ דִי אִידְן נֶעמֶען דִי תּוֹרָה (שַׁבָּת פח.).

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע לוּחוֹת אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט מֶען דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ קַאסְטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת כה, י): "וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים", מַאךְ אַ קַאסְטְן (שָׁם, טז): "וְנָתַתָּ אֶל הָאָרֹן אֵת הָעֵדֻת אֲשֶׁר אֶתֵּן אֵלֶיךָ", דָארְט זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן דִי הֵיילִיגֶע לוּחוֹת; נָאכְדֶעם הָאט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, אַז אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן קַאסְטְן וָואס דָארְט לִיגְט דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זָאל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מַאכְן (שָׁם, יח): "וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרֻבִים", צְוֵויי גֶעשְׁטַאלְטְן, דֶער פָּנִים אִיז גֶעוֶוען ווִי אַ קִינְד, אֵיינֶער אַ זָכוֹר אוּן אֵיינֶע אַ נְקֵבָה; דִי גֶעשְׁטַאלְטְן הָאבְּן גֶעהַאט פְּלִיגְלֶעךְ אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אֵיינֶער אַנְטְקֶעגְן דִי אַנְדֶערֶע, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא נד:): "בְּשָׁעָה שֶׁנִּכְנְסוּ נָכְרִים לְהֵיכָל", וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, זֶענֶען זֵיי אַרַיין אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, "מָצְאוּ כְּרוּבִים הַמְעוֹרִין זֶה בָזֶה", זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אָרוֹן דִי צְוֵויי כְּרוּבִים אַזוֹי ווִי מַאן אוּן וַוייבּ, "הוֹצִיאוּ אוֹתָן לַשּׁוּק", הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן דִי צְוֵויי גֶעשְׁטַאלְטְן אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "יִשְׂרָאֵל הַלָּלוּ שֶׁבִּרְכָתָן בְּרָכָה וְקִלְלָתָן קְלָלָה עוֹסְקִין בַּדְּבָרִים הַלָּלוּ", ווִי קֶען זַיין דִי אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא הֵיילִיג פָאלְק - זָאלְן הָאבְּן אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אַזוֹי ווִי מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם?! דֶער גוֹי'שֶׁער קָאפּ, דֶער טָמֵא וּמְטוּמָא קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, 'וָואס גֵייט דָא פָאר?'

זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם) אַז בִּיז דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אִידְן מִיט שֶׁעצוּנְג, אָבֶּער פוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי זַאךְ אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, זָאגְט דִי גְמָרָא: "מִיַּד הִזִּילוּם", זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אִידְן מִיט שְׁפָּאט; וַוייל אַ גוֹי קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מַאן אוּן וַוייבּ; וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן זַיין אִינְאֵיינֶעם? עֶר קוּקְט אוֹיף דֶעם ווִי אַ נִישְׁט חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ, עֶר קוּקְט אוֹיף דֶעם ווִי דָאס אִיז קִינְדִ'ישׁ, בֶּעבִּי'שׁ, עֶר קוּקְט אוֹיף דֶעם כְּאִילוּ דָאס אִיז עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט; לְהַבְדִּיל, מִיר אִידְן זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָאלְק, מִיר קוּקְן אִין דִי תּוֹרָה; דָארְט זֶעעֶן מִיר ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט מִיט אוּנְזֶער נַארִישֶׁע שֵׂכֶל, מִיר גֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אַז מֶען וֶועט אַרַיינְטְרַאכְטְן וָואס קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים אִיז; אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען, נָאר דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעמֶעגְט אַרַיינְגֵיין

דָארְט אֵיין מָאל אַ יָאר - יוֹם הַכִּפּוּרִים, נָאכְן זִיךְ אַזוֹי הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן. אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים לִיגְט דִי לוּחוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, פוּן דָארְט גֵייט אַרוֹיס דִי קוֹל נְבוּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; דָארְט אוֹיפְ'ן אָרוֹן אִיז דִי כְּרוּבִים, וואו אַ מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט. פוּן דֶעם זֶעט אִיר אַז אִיר טְרַאכְט פַארְדְרֵיידְט, אִיר טְרַאכְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף טְרַאכְטְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט אַז אִיר זֶענְט אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט, אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ שְׁמַאטֶע; פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען שְׁמַאטֶעס? פַארְוָואס טְרַאכְט אִיר אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיסְגֶענוּצְט? אַז מֶען דַארְף אוֹיפְרוּמֶען דִי שְׁטוּבּ אִיז מֶען שׁוֹין אַ שְׁמַאטֶע?! אַז מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן עֶסְן אִיז מֶען אוֹיסְגֶענוּצְט?! קוּמְט אוֹיס אַז דִי הֵיילִיגֶע כֹּהֲנִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס זֵיי זֶענֶען דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶערֵיינִיגְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? זֵיי הָאבְּן גֶעקָאכְט דִי עֶסְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעאַרְבֶּעט טָאג אוּן נַאכְט, זֵיי זֶענֶען דִי שְׁמַאטֶעס? זֵיי זֶענֶען דִי אוֹיסְגֶענוּצְטֶע?!

נָאר וָואס דֶען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע סוֹד; עֶס קֶען זַיין צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, בֵּיידֶע פוּן זֵיי טוּעֶן דִי זֶעלְבֶּע אַרְבֶּעט, בַּיי אֵיינֶעם אִיז דָאס ל"ט מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן אוּן בַּיים צְוֵוייטְן אִיז דָאס ל"ט מַלְקוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יא) אַז בַּיי אֵיינֶעם אִיז דֶער לֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי עֶר בּוֹיט אוֹיף דִי מִשְׁכָּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בּוֹיט אַ פְּלַאץ וואו דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן, אַ שְׁטוּבּ וואו עֶס וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי תּוֹרָה וֶועג; בַּיי אִים, אַלֶעס וָואס עֶר אַרְבֶּעט, אַלֶעס וָואס עֶר טוּט - שְׁפִּירְט עֶר אַ זִיסְקֵייט אִין דֶעם, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר בּוֹיט אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן.

ווִידֶער בַּיי דֶעם צְוֵוייטְן אִיז דָאס ל"ט מַלְקוֹת; עֶר שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמֵי מִיתָה, עֶר שְׁפִּירְט וִוי מֶען שְׁלָאגְט אִים, עֶר שְׁרֵייט: 'מֶען נוּצְט מִיר אוֹיס, מֶען מַאכְט מִיר וִוי אַ שְׁמַאטֶע; אִיךְ מוּז קָאכְן, אִיךְ מוּז מַאכְן וֶועשׁ, אִיךְ דַארְף אַזוֹי שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן'; דֶער צְוֵוייטֶער טוּט גָארְנִישְׁט מֶער וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער,

אָבֶער עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶס אִיז בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, דֶערְפַאר אִיז בַּיי אִים אַלֶעס ווִי מַלְקוֹת.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דַאנְק דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן און גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין ווַייבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר פַאר דִי גוּטֶע נֵייעֶס וְכוּ׳; זַיי מוֹדִיעַ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין ווַייבְ׳ס עֶלְטֶערְן - אַז אִיר וַוארְט לְמַזָל טוֹב. עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, זֵיי וַוארְטְן צוּ הֶערְן עֶפֶּעס גוּטֶע נֵייעֶס, עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ זָאגְן דִי עֶלְטֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס.

דוּ בֶּעטְסְט אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן הַנְהָגוֹת פַאר דַיין ווַייבּ פַאר דִי טֶעג וְכוּ׳; פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט מֶען זָאל שְׁרַייבְּן פַאר דִיר הַנְהָגוֹת אִין דִי טֶעג? דַיין ווַייבּ טוּט שׁוֹין גֶענוּג אִין דִי טֶעג, אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן אֵייבֶערְשְׁטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; מֶענֶער קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אַ פְרוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דִי חֲדָשִׁים. טְרַאכְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אִין דִי טֶעג; דוּ דַארְפְסְט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, אַסַאךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים בִּיז אַהֶער אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער אַז אַלֶעס זָאל גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

נָאךְ אַן הַנְהָגָה פַאר דִיר אִין דִי חֲדָשִׁים; גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין ווַייבּ, ווִי שְׁטַארְק דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ אִין דִי חֲדָשִׁים נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן. עֶס אִיז נִישְׁט צוּם פַארְשְׁטֵיין ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי טֶעג, זַיין פַאר זֵיי גְרֵייט אִין יֶעדֶע מַצָּב, נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען וְכוּ׳, נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן אִין דִי טֶעג, נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען זֵי זָאל

קָאכְן און מַאכְן.

אויב דו וֶועסְט איר נָאכְלוֹיפְן אין די טֶעג וְכוּ׳ וְכוּ׳ - וֶועסְטוּ איר פַּארְלִירְן אֲפִילוּ אויף שְׁפֶּעטֶער; אִיךְ וֵוייס פון מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעוְוּיסְט, מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט, זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט און גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְטְן; זֵיי הָאבְּן פַּארְלַאנְגְט וְכוּ׳ און נָאכְגֶעלָאפְן וְכוּ׳, דָאס יוּנְג וַוייבְּל הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוְוּיסְט אַז מֶען מֶעג זָאגְן ׳אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט גוּט׳, ׳אִיךְ בִּין דִיזִי׳, ׳אִיךְ בִּין נָאוּשֶׁעס׳; און דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען נָאכְדֶעם מֶען זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן צֶעטֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֲפִילוּ וֶוען מֶען לַיידְט פון עֶלְטֶערְן, דַארְפְן מֶען זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ וֵוייס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אַלֶע יָארְן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ גֶעדֶענְק ווִי זֵיי הָאבְּן דִיר נָאר דֶערְקוּטְשֶׁעט און סֶעקִירְט אויף יֶעדֶע זַאךְ, זֵיי הָאבְּן אַלץ גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְט אויף דִיר; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר ווִי זֵיי הָאבְּן דִיר גֶע׳רוֹדְפְ׳ט פַאר גָארְנִישְׁט און פַאר נִישְׁט, וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן הָאט מֶען נָאר גֶעהַאט טַעֲנוֹת.

מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז אַ טַאטֶע און אַ מַאמֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי און ווִי אַזוֹי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ מִיט זֵיי, עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אויב מֶען אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן פון זֵיי אָדֶער מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיס מִיט זֵיי, טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין וַוייל אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה

(שְׁמוֹת כ, יב): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ"; אָן קַיין תְּנָאִים, אֲפִילוּ מֶען לַיידְט פוּן זֵיי דַארְף מֶען זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אוּנְז (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ג.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן? הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין?!" וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייטְס פְרֶעגְטְס דָמָה בֶּן נְתִינָה, "רֹאשׁ פְּטַרְבּוּלֵי הָיָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גֶענֶעַראל, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שִׁיךְ, "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלוֹ", פָארְנְט פוּן דִי סָאלְדַאטְן, "וְנָפַל קוּרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אִינְמִיטְן שְׁלָאגְן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן דִי שִׁיךְ פוּן אִירֶע הֶענְט, "וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי שִׁיךְ אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין; זֶעט מֶען אַז אֲפִילוּ מֶען כַאפְּט פוּן אַ טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ וואוֹינְסְט מֶער נִישְׁט בַּיי זֵיי – אִיז דִיר גְרִינְגֶער צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן. דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, זִי אִיז מִיט דִיר, זִי קוּקְט שֵׁיין אוֹיף דִיר; וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אוּן שְׁלִינְגֶען וֶוען זֵיי זָאגְן דִיר אַרַיין.

מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, אִיךְ וֵויים זֵייעֶר גוּט וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אוּן וָואס דוּ גֵייסְט נָאךְ אַלְץ אַרִיבֶּער; יֶעדֶעס מָאל דוּ גֵייסְט צוּ זֵיי שְׁפִּירְסְטוּ וִוי אַ גָארְנִישְׁט, זֵיי זוּכְן נָאר קְרִיטִיק אוּן טְרַאכְטְן נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִיר אוּן דַיין ווייבּ; מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין, זָאלְסְט גֵיין צוּ זֵיי. זַיי דָן לְכַף זְכוּת דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן; בַּיי זֵיי אִיז אַ פַארְמַאכְטֶע סְוֶועטֶער בִּיז דִי הַאלְז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, זֵיי מֵיינֶען נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט זֵיי מְכַבֵּד זַיין וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### חִינוּךְ אִיז אַ פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה'דִיגֶע אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶלְעַד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן וָואס ווילְן הָאבְּן נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; טָאג אוּן נַאכְט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג אוּן רֵיין.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטְן תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר לֶערְנְט אוֹיס אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן, זַיין הֵיילִיג; אִיר זָאגְט זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג אָנְצוּגְרֵייטְן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וויסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין הֵיילִיג; פוּן וואו זָאלְן קִינְדֶער וויסְן אַז מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית? אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ מֶען זָאל מַסְבִּיר זַיין וְכוּ', דֶער תֵּירוּץ אִיז נֵיין; וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן קְדוּשָּׁה זָאגְט מֶען דָאס אָן קַיין הֶסְבֵּרִים, אָן קַיין טַעֲמִים; מֶען רֶעדְט קוּרְץ אוּן שַׁארְף, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער

אֵיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג, דָאס טָאר מֶען נִשְׁט טוּן"; אָן קַיין פַארְוָואס, אָן קַיין פַארֶווען, לֵייגְט נִשְׁט צוּ אוּן נֶעמְט נִשְׁט אַרָאפּ.

דֶערְצֵיילְט זֵיי וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם טִיטְל "הַקָּדוֹשׁ" ווייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָׁה; עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גֶדֶר, עֶר הָאט נִישְׁט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אוּנְטֶער דִי גַארְטְל כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, דֶערִיבֶּער רוּפְט מֶען אִים 'רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ'; דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גֶדֶר פַאר קְדוּשָׁה אוּן צְנִיעוּת, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִשְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אִין טַאשׁ.

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גֶדֶר אִין קְדוּשָׁה, זֵיי אָנְטוּן גֶעהֶערִיגֶע קְלֵיידֶער, נִישְׁט אוֹיסְגֶעפַּאסְט; עֶס אִיז נִשְׁט אֵיידְל אוּן נִשְׁט גוּט אָנְצוּטוּן דִי אִינְגְלֶעךְ מִיט אוֹיסְגֶעפַּאסְטֶע הוֹיזְן.

אוֹיךְ דֶערְמַאנְט מֶען זֵיי כְּסֵדֶר אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם; דָאס אִיז דָאךְ דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר קְדוּשָׁה, וֶוען מֶען גֵייט מִיט דִי קִינְדֶער אִין גַאס אוּן עֶס אִיז דָא פְּרִיצוּת זָאגְט מֶען זֵיי מֶען זָאל אַרָאפְּקוּקְן, מֶען זָאל הִיטְן דִי אוֹיגְן. מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

וֶוען מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אִין מִקְוֶה זָאגְט מֶען זֵיי אָן זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

חִינוּךְ אִיז אַ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה'דִיגֶע אַרְבֶּעט, חִינוּךְ אִיז וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט; וֶוען מֶען אִיז אוֹיף אוּן וֶוען מֶען שְׁלָאפְט. וֶוען מֶען לֵייגְט שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער זָאגְט מֶען זֵיי ווִי אַזוֹי צוּ שְׁלָאפְן, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ שְׁלָאפְן ווִי אַ אִיד - שְׁלָאפְן אוֹיף דִי זַייט, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט קְדוּשָׁה, נִשְׁט שְׁלָאפְן אוֹיף דִי רוּקְן אוּן נִשְׁט אוֹיפ'ן בּוֹיךְ.

אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן אַלְץ גֵיין אָנְגֶעטוּן, נִשְׁט אַרוּם גֵיין אִין שְׁטוּב בְּלוֹיז מִיט אוּנְטֶער וֶועשׁ; עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן אַלְץ אָנְגֶעטוּן, בַּייטָאג גֵייט מֶען מִיט טָאג קְלֵיידֶער אוּן בַּיינַאכְט גֵייט מֶען מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער.

מֶען זֶעט קִינְדֶער שְׁפִּילְן מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי לִיגְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, זִיצְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן; אִיז גָאר וִויכְטִיג פַּאר קְדוּשָׁה זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דָאס נִישְׁט צוּ טוּן.

וֶוען מֶען טְרָאגְט קִינְדֶער שְׁווימֶען לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס צוּ שְׁווימֶען מִיט קְדוּשָׁה; מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז אוֹיבּ אֵיינֶער זוּכְט זֵיי אָנְצוּכַאפְּן אוּן בַּאטַאפְּן זָאלְן זֵיי אַוֶועק שְׁווימֶען אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט.

אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן יוּנְגְעוַוייז אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיז מֶען זוֹכֶה, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער - צוּ שֶׁעפְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת דִּקְדֻשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים נֶעמְט מֶען אָן אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי וָואךְ גֵייט צְוֵוי סֶדְרָה׳ס - אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים; אַז מֶען הֵייבְּט אָן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג דוּרְךְ אַבִּיסְל פוּן דִי פַּרְשָׁה - אִיז מֶען זוֹכֶה יֶעדֶע וָואךְ מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים; אִין יֶעדֶע שְׁטָאט זֶענֶען דָא קִבְרֵי צַדִּיקִים, בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים קֶען מֶען זִיךְ אַבִּיסְל עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ, זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): ״עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל צוּהֶערְן זַיינֶע תְּפִילוֹת, אָבֶּער בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים נֶעמְט מֶען אָן אַלֶע תְּפִילוֹת

פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

פְרַייטָאג פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים אוֹהֶל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ קוּק אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר צוּ זַיין צְווִישְׁן דִי בֶּערְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח' אִיָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֶועלְן הָאבְּן נָאךְ דִי יָאר זוּמֶער אַ קָאנְטְרִי מִיט אַ קֶעמְפּ פַאר דִי בָּחוּרִים; אִיךְ קוּק אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר צוּ זַיין צְווִישְׁן דִי בֶּערְג, זַיין דָארְט מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

פְרִישֶׁע נַייעֶס פוּן אוּמַאן; מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט דֶעם דְרִיטְן שְׁטָאק, מֶען אַרְבֶּעט זֵייעֶר פְלַייסִיג עֶס זָאל זַיין גְרֵייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס זֶענֶען נִתְרַבָּה גֶעוָוארְן אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר דַארְפְן עֶנְדִיגְן נָאךְ אוֹיף דִי יָאר דֶעם פֶערְטְן שְׁטָאק.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן אָנְגְרֵייטְן דִי מֵיידְל קֶעמְפּ אוּן דִי קֶעמְפּ פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע זוּמֶער.

מָארְגְן וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַ צַאמְקוּם פַאר דִי פְּרוֹיעֶן; בְּלַייבּ אִין שְׁטוּב אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען אַבִּיסְל שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צְוֵויי יָאר זַייט דִי גְרִינְדוּנְג פוּנֶעם שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה; פַּאר מִיר אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן זֶעקְס יָאר צוּרִיק אוּן יֶעצְט הַאלְט מֶען בַּיים גְמַר.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעבְּן דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיבּ אִיךְ קוּם אוֹיף יוֹם טוֹב, צִי זֵיי וֶועלְן אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, וַוייל אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וִוילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם יוֹם טוֹב זָאלְן הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ קוּמֶען; הָאַבְּרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז גְרֵייט צוּצוּשְׁטֶעלְן פַּאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס וִוילְן זַיין יוֹם טוֹב אִין שְׁטֶעטְל - אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קוּמֶען פַאַרְבִּינְד זִיךְ מִיט אִים.

יֶעצְט שָׁבוּעוֹת וֶוערְט צְוֵויי יָאר פוּן וֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין שְׁטֶעטְל; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ חָלוֹם, אַזוֹי שְׁנֶעל אִין אַ קוּרְצֶע צַייט פוּן צְוֵויי יָאר הַאלְטְן מִיר שׁוֹין בַּיי אִיבֶּער פוּפְצִיג מִשְׁפָּחוֹת. טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת; אַלֶע לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, דִי אִינְגֶעלַייט וָואס וואוֹינֶען דָארְט זֶענֶען נִישְׁט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי מְסוֹרָה; דָאס אִיז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וִוילְן לֶעבְּן אִין אַ שְׁטָאט וואוּ אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס וֶועג.

מִיר הָאבְּן אִין דִי צְוֵויי יָאר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ בֵּית חִינוּךְ לְבָנוֹת, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַ כּוֹלֵל פוּן חָשׁוּבְ׳עֶ אִינְגֶעלַייט, מִיר הָאבְּן אַ מִקְוֶה אוּן אַ שֵׁיינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר נָאךְ אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ

מִקְוֶה פַאר שַׁבָּת פַאר נָאךְ אַ גֶעגְנְט, און יֶעצְט יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת עֶפֶענֶען מִיר אַ דְרִיטֶע שׁוּל, "בֵּית הַמֶדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה". מִיר הָאבְּן אַ מְהוּדָר'דִיגֶע עֵירוּב אַרוּם דֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל; פִינְף בּוֹדְקִים גֵייעֶן יֶעדֶע וָואךְ מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ דָאס בּוֹדֵק זַיין און אַז עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ הָאבְּן מִיר אַן עֵירוּב טְרָאק כְּדֵי מֶען זָאל דָאס גְלַייךְ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

מִיר הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל; אַלֶע קֶענֶען קוּמֶען נֶעמֶען עֶסְן בְּחִנָם, רוֹיעֶ עֶסְן און גֶעקָאכְטֶע עֶסְן. עֵזֶר לַיּוֹלְדוֹת; מֶען שְׁטֶעלְט צוּ פַאר קִימְפֶּעטָארִינְס פֵיינֶע פְרִישֶׁע עֶסְן. מִיר הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל אַ בֵּית הַדְּפוּס, וואוּ מֶען דְרוּקְט דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים. חֶסֶד וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל אִיז אֵין לְשַׁעַר; אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי הַצָּלָה לוֹיפְן רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן, אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי חֲבֵרִים הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מִיט וָואס מֶען דַארְף. עֶס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ; אַ פְלַאץ פוּן שָׁלוֹם, אַ פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ אָן קַיין פְרֶעשׁוּר פוּן אַנְדֶערֶע. דִי צְנִיעוּת אִין שְׁטֶעטְל אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַלֶע גֵייעֶן אֵיידְל אָנְגֶעטוּן, אַלֶע פִירְן זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ צוּ פִירְן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי צְוֵויי יָאר אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַ קִיאָסְק, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַיינְקוֹיפְן אוֹיפְ'ן אִינְטֶערְנֶעט; דָאס אִיז פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה עֶס זָאל זַיין אִין שְׁטֶעטְל, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אִינְטֶערְנֶעט אִין שְׁטוּב, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן, קָאמְפְּיוּטֶער - אִין שְׁטוּב, דִי שְׁטוּב זָאל זַיין רֵיין, דִי שְׁטוּב זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

פַּרְנָסָה פֶעלְט נִישְׁט דָארְט, אַלֶע זֶענֶען שֵׁיין מַצְלִיחַ; יֶעצְט עֶפְנְט אוֹיף מִשְׁפַּחַת ... אַ פִישׁ גֶעשֶׁעפְט, עֶרֶב פֶּסַח הָאט מִשְׁפַּחַת ... גֶעעֶפְנְט אַ גְרָאסֶערִי, אוֹיךְ גֵייט יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן מִשְׁפַּחַת ... עֶפֶענֶען אַ שִׁיךְ גֶעשֶׁעפְט און מִשְׁפַּחַת ... עֶפְנְט אוֹיף אַ דְרֵייגוּד גֶעשֶׁעפְט; אַלֶע הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

וְהָעִקָר שָׁכַחְתִּי; מִיר הָאבְּן אַפָּאר שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא, אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא און בַּיינַאכְט אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא. אִיךְ הָאף מִיט דִי צַייט צוּ מַאכְן נָאךְ שִׁיעוּרִים, מִמַּנֶה זַיין נָאךְ אִינְגֶעלַייט זָאלְן פָארְלֶערְנֶען

שִׁיעוּרִים, וַוייל עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז דִי שְׁטָאט זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן חֶסֶד.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְמַאנֶען אַז מָארְגְן וֶועט זַיין אַ פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם; זָאג דַיין וַוייבּ, זִי זָאל ווִיסְן פוּן דֶעם, זִי וֶועט זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט לוֹיט דִי הֲלָכָה, זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת וֶוען זֵיי זֶענֶען צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז חֲדָשִׁים מִקָּרוֹב בָּאוּ, לֹא שְׂעָרוּם אֲבוֹתֵיכֶם, וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתַנִים אַז בָּרַבִּים דַארְף מֶען נִישְׁט הַאלְטְן קַיין הַרְחָקוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן.

אִיר זָאלְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מִיר לֶערְנֶען אַזוֹי, מִיר לֶערְנֶען נָאר וָואס דִי הֵיילִיגֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, דִי תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק; וֶוען עֶלְטֶערְן וָואלְטְן גֶעווִיסְט וָואס זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת טוּעֶן אוֹיף, וָואלְטְן זֵיי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבְּן דָאס גֶעלְט פַאר דִי צָרְכֵי הַקְּהִלָּה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעב אִיבֶּער פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאל עֶר נִישְׁט לָאזְן אַרַיינְגֵיין אִין קָאנְטְרַאקְט פַאר מֶען גֶעבְּט דִי צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי קְהִילָּה, אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט.

אִינְטֶערֶעסַאנְט פַארְוָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז פַאר דִי הוֹיז אִיז כְּדַאי צוּ צָאלְן גֶעלְט, אָבֶער פַאר אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִקְוֶה, מִקְוֶה טָהֳרָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, בֵּית חִינוּךְ לְבָנוֹת וְכוּ׳ כוּ׳ - וֶוערְט מֶען פַארְמַאכְט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן דִי גֶעלְט.

מִיר צְוִוינְגֶען נִישְׁט קֵיינֶעם צוּ זַיין בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס בּוֹיעֶן זִיךְ אִיבֶּערָאל שֵׁיינֶע חֲסִידִישֶׁע גֶעגֶנְטֶער כֵּן יִרְבּוּ, מִיר דַארְפְן שְׁטֵיין דֶערוֹיף אַז אַלֶע וָואס ווילְן זַיין אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה זָאלְן טוּן וָואס מִיר בֶּעטְן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא גֶעלְט פוּן צֶען פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעגֶעבְּן פַּארְאוֹיס גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל, זַיין אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה; אִיךְ שִׁיק דִיר דִי נֶעמֶען, בִּיטֶע זֵיי שִׁיקְן, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַ שְׁטַר אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דִי חֵלֶק פַאר דִי קְהִילָּה אוּן זֵיי הָאבְּן אַ זְכוּת צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן די קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אִין עֶנְגְלִישׁ חֵלֶק 12.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי הֶערְלִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן.

די מֵפִיצִים זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט די עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; וואוּ זֵיי גֵייעֶן בֶּעט מֶען זֵיי נָאךְ חֲלָקִים, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן עֶדִיקְטֶעד צוּ דֶעם, זֵיי ווִילְן נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נָאר נָאךְ חֲלָקִים פוּן "לֵייט אָוו אֱמוּנָה".

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּיינִיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר, ווַייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שַׁדְכָן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אִין מַיין ווִיסְטְן חָלוֹם אַז אַייעֶר מַאן וֶועט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ סְטְרַאשֶׁען מִיט אַ גֶט, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּ אַייךְ מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער; אִיךְ וֵוייס אַייךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר.

אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּ אִים, אִיךְ וֶועל זֶען אוֹיבּ אִיז די מַעֲשֶׂה טַאקֶע אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט, אַז עֶר שְׁלָאגְט אוּן עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ מִיט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער. אוֹיבּ אִיז דָאס אַזוֹי, וֵוייס אִיךְ אַייךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן; אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעזָאגְט מַיין טָאכְטֶער זָאל בְּלַייבְּן וואוֹינֶען מִיט אַ מַאן וָואס שְׁלָאגְט אָדֶער

סְטְרַאשֶׁעט מִיט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער.

אֵיין זַאךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פוּן דִי בְּרִיוו, אוֹיבּ אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט, עֶר שְׁלָאגְט, עֶר שְׁרֵייט דִי מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער אוּן וַוארְפְּט אַ פַּחַד אוֹיף אַייךְ, פַארְוָואס שְׁרַייבְּט אִיר מִיר אַז אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט זָאגְן אַז אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן? דָאס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט מֶעגְן דֶערְצֵיילְן אַז אִיר לַיידְט? פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט מֶעגְן זוּכְן הַצָּלָה זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועןְ? וָואס אִיז דִי סוֹד?! אוֹיבּ אִיז טַאקֶע וָואר דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר שְׁרַייבְּט; אִיךְ בְּרֶענְג אַייךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר שְׁרַייבְּט:

"נֶעכְטְן הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר, אַז עֶר גֵייט מִיר צֶערַייסְן אוּן אַז אִיךְ מַאךְ אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אוּן אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ נִישְׁט וִוי אַ פְרוֹי נָאר וִוי אַ ... פוּן גַאס, אוּן עֶר גֵייט זִיךְ גֶטְ'ן פוּן מִיר, אוּן אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דָאס גֵייט זַיין דִי סוֹף, אַז עֶר גֵייט מִיר גֶעבְּן אַ גֶט, אוּן קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט מִיר. עֶר הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן עֶרְד אוּן עֶר זָאגְט אַז אִיךְ דַארְף דַאנְקֶען דִי קִינְד וַוייל וֶוען נִישְׁט מִיר הָאבְּן אַ קִינְד וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען אַ גֶט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערשְׁרָאקְן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען וֵויינֶען זֵייעֶר שְׁטִיל, וֶועגְן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ אִיךְ גֵיי וֵויינֶען הוֹיךְ גֵייט עֶר מִיר שְׁלָאגְן".

אוֹיבּ אִיז דָאס וָואר, פַארְוָואס זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן? פַארְוָואס זָאלְט אִיר מוֹרָא הָאבְּן? פוּן וֶועמֶען מוֹרָא הָאבְּן? פַארְוָואס זִיךְ לָאזְן פַּייניגְן? פַארְוָואס לֶעבְּן מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט אַזוֹי מִיאוּס?! אִיר הָאט מוֹרָא אִיר וֶועט בְּלַייבְּן אַלֵיינְס? אֲפִילוּ עֶס אִיז אֱמֶת, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַייךְ אִיז נָאכְאַלְץ עֶנְדֶערְשׁ צוּ לֶעבְּן אַלֵיין וִוי צוּ לֶעבְּן מִיט אֵיינֶער וָואס לֵייגְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן רֶעדְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער!

אִיךְ גֵיי אִים יֶעצְט שְׁרַייבְּן אוּן פְרֶעגְן וָואס עֶס גֵייט פָאר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ גֵיין מִיטְ'ן אֱמֶת, אִיךְ וֶועל אִים פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת, אִיךְ וֶועל אִים פְרֶעגְן וָואס גֵייט פָאר, וָואס אִיז דִי צְוֵייטֶע זַייט פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אֵיינֶער אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צֶעבְּלוּטִיגְט; דִי גַאנְצֶע הֶעמְד אִיז גֶעוֶוען בְּלוּטִיג, יֶענֶער בָּחוּר הָאט גֶעוֵויינְט אַז אֵיינֶער הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן בִּיז בְּלוּט; וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּרֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן, אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז, אַז מֶען דַארְף אַלְץ הֶערְן בֵּיידֶע מַעֲשִׂיוֹת, הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן, יֶענֶער הָאט מִיר גֶעשְׁלָאגְן; יֶענֶער הָאט מִיר גֶעמַאכְט בְּלוּטְן, דִי בְּלוּט אִיז פוּן מַיינֶע וואוּנְדְן. יֶענֶער הָאט מִיר אַרוּמְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט מִיר גֶעוָואלְט דֶערְוֶוערְגְן, עֶר הָאט מִיר גֶעהַאקְט אוּן גֶעשְׁלָאגְן, פוּן דֶעם אִיז יֶענֶער בְּלוּטִיג".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אוּנְז צוּ וַוייזְן ווִי מֶען דַארְף פָּאלְגְן דִי תּוֹרָה אוּן הֶערְן בֵּיידֶע זַייטְן, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס מַמָּשׁ ווִי מֶען וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעזֶען אַ מַעֲשֶׂה בַּיי מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען שְׁרֵייעֶן: "מַיין מַאן שְׁלָאגְט מִיר!" דִי פְרוֹי הָאט גֶעוואוֹינְט בִּשְׁכֵנוּת מִיט אוּנְז, טָאג אוּן נַאכְט אִיז דָארְט גֶעוֶוען קְרִיגֶערֵייעֶן; אֵיין טָאג קוּמְט זִי וֵויינֶען: "מַיין מַאן שְׁלָאגְט מִיר!" מֶען הָאט אַרִיבֶּערְגֶערוּפְן דֶעם מַאן, דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַלֶעס גֶעזֶען, דֶער מַאן אִיז גֶעוֶוען צֶעגְרַאזְשֶׁעט, דִי פָּנִים צֶעבְּלוּטִיגְט פוּן אִיר, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּ מַיין זֵיידֶע אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זִי בַּייסְט אִים, זִי גְרַאזְשֶׁעט אִים, וָואס זָאל עֶר טוּן? בִּיז יֶענֶער הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט גֶטְ'ן.

אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן, אִיךְ וֶועל זֶען וָואס דָא גֵייט פַאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שׁוּתְּפוּת, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט לַיידְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִי עֵצָה; דָאס דַארְף מֶען פְּרֶעגְן דֶעם דָאקְטֶער, אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין סַכָּנָה אוּן אוֹיבּ דָאס הֶעלְפְּט.

אִיךְ הָאבּ דִיר יֶעצְט גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט צוּ הֶערְן אַז דוּ טוּסְט וֵוי דַיין וַוייבּ; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן, אִיךְ קֶען דִיר פַאר אֵיינֶעם וָואס טוּט נִישְׁט וֵוי, נָאר פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי שִׁידוּךְ, יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט דַיין וַוייבּ, זִי שְׁרַייבְּט מִיר דִי וֶוערְטֶער: ״נֶעכְטְן הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר, אַז עֶר גֵייט מִיר צֶערַייסְן אוּן אַז אִיךְ מַאךְ אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אוּן אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אַז אִיךְ פִּיר זִיךְ נִישְׁט וִוי אַ פְרוֹי נָאר וִוי אַ ... פוּן גַאס, אוּן עֶר גֵייט זִיךְ גֶטְ׳ן פוּן מִיר, אוּן אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז דָאס גֵייט זַיין דִי סוֹף, אַז עֶר גֵייט מִיר גֶעבְּן אַ גֶט, אוּן קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט מִיר. עֶר הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְ׳ן עֶרְד אוּן עֶר זָאגְט אַז אִיךְ דַארְף דַאנְקֶען דִי קִינְד וַוייל וֶוען נִישְׁט מִיר הָאבְּן אַ קִינְד וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען אַ גֶט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען וֵויינֶען זֵייעֶר שְׁטִיל, וֶועגְן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ אִיךְ גֵיי וֵויינֶען הוֹיךְ גֵייט עֶר מִיר שְׁלָאגְן״.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֵייגֶערִיג אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי זִי שְׁרַייבְּט, אָדֶער דִי מַעֲשֶׂה הָאט אַ צְוֵוייטֶע חֵלֶק; בִּיטֶע שְׁרַייבּ מִיר אוֹיבּ דָאס אִיז אַזוֹי, אַז דוּ זָאגְסְט אִיר דוּ גֵייסְט זִיךְ גֶטְ׳ן; אוֹיבּ אִיז דָאס אֱמֶת דַארְפְסְטוּ נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ גֶטְ׳ן כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן

גֶעשֶׁעדִיגְט.

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז זִי הָאט דֶערְצֵיילְט, דָאס שְׁמֶעקְט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; אָדֶער אִיז דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט אֱמֶת, אָדֶער אִיז דָאס יָא אֱמֶת נָאר זִי לֶעבְּט אִין אַ פַּחַד פוּן דִיר. בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא אוּנְטֶערְן טִישׁ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט לַיידְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שׁוּתְּפוּת, מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם מִיט לִיבְּשַׁאפְט, נִישְׁט וִוי קְנֶעכְט אוּן דִינְסְט.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן.

...

## זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא שֶׁתִּחְיוּ**

אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, אוֹיבּ אִיר קוּמְט שַׁבָּת אִין שׁוּל - זָאלְט אִיר זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַ שׁוּל אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, אַ שׁוּל אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קוּמְט דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הֶער צוּרִיק גְרִיסְן אַז גֶעוִויסֶע תַּלְמִידוֹת קוּמֶען אִין שׁוּל, מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוֶוענֶען. וֶוען מֶען זָאגְט כֶּתֶר בְּלַייבְּט מֶען זִיצְן, מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט מִיט. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מֶען זָאגְט קְדוּשָׁה בְּלַייבְּט מֶען זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן. עֶס קֶען זַיין אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען; רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט טָאר מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, מֶען טָאר נִישְׁט דֶעמָאלְט רֶעדְן.

נָאכְן דַאוֶוענֶען קֶען מֶען זִיךְ בַּאגְרִיסְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען קֶען שְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער בִּשְׁעַת'ן דַאוֶוענֶען אִיז מֶען שְׁטִיל. דֶער סֵפֶר חֲסִידִים בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה (סִימָן נח; הוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן רסח, סְעִיף קָטָן יב) אַמָאל אִיז גֶעוֶוען

אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר זֶעט אַ צַדִיק וָואס אִיז שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן מִיט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פָּנִים, דֶער קָאלִיר אִיז גֶעוֶוען גְרִין אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט; דֶער צַדִיק הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין חָלוֹם פוּנֶעם אַנְדֶערְן צַדִיק: "וָואס גֵייט פָאר? פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי גְרִין? פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי שְׁלֶעכְט?!" הָאט דֶער נִפְטָר גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, מֶען שְׁטְרָאפְט מִיר יֶעצְט; ווַייל אִיךְ פְלֶעג רֶעדְן שַׁבָּת בַּיינַאכְט אִין שׁוּל וֶוען מֶען הָאט גֶעזָאגְט וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם, אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ שְׁמוּעֶסְן בַּיי קַדִישׁ אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁנִיטְן דִי נֶעגְל עֶרֶב שַׁבָּת"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען רֶעדְט בַּיים דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - בַּאקוּמְט מֶען אַ עוֹנֶשׁ.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי סְתַּם מֶענְטְשְׁן, וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דַאוֶוענֶען; זִיכֶער בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ תַּלְמִידוֹת, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ; דַארְפְן מִיר זַיין שְׁטִיל בַּיים דַאוֶוענֶען.

מִיר ווֵייסְן דָאךְ אַבִּיסְל וָואס דַאוֶוענֶען אִיז, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ טַעַם אִין דַאוֶוענֶען; דַאוֶוענֶען אִיז דָאךְ אַ צַייט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ צַייט וָואס מֶען אִיז אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְפְט אִיר זִיכֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיבּ מֶען קוּמְט אִין שׁוּל זִיךְ טְרֶעפְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּמֶען; אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ. אוֹיבּ אִיר ווִילְט קוּמֶען דַאוֶוענֶען, אִיר ווִילְט זָאגְן דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן נַקְדִישָׁךְ, דִי הָאנִיג וֶוערְטֶער פוּן כֶּתֶר, ווִי מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין רְשׁוּת צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אֵיינְמָאל, וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי רְשׁוּת; מִיר אִידְן קֶענֶען יֶעדְן טָאג זָאגְן: "קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ"; דֶעמָאלְט קֶענְט אִיר קוּמֶען.

אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן דֶעם אֶמֶת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעקְלֶערְט פוּן אָפְּשְׁפַּארְן דֶעם ווַייבֶּער שׁוּל, בִּפְרַט אִין שְׁטֶעטְל וָואס מֶען הֶערְט אַרַיין גֶערוּדֶער צוּ דִי מֶענֶער זַייט; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מֶען קוּמְט אִין שׁוּל זִיךְ טְרֶעפְן

מִיט חַבֶר'טֶעס, צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער; בִּשְׁעַת מֶען דַאוֶוענְט וֶועט אִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, אִיר וֶועט מִיט דַאוֶוענֶען. וֶוען מֶען זָאגְט נַקְדִּישָׁךְ וֶועט אִיר שְׁטֵיין שְׁטִיל אוּן מִיטְזָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי כֶּתֶר; וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מְלַמֵּד בּוֹיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער וָואס זָאל אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ גוּטֶע מְלַמֵּד; אַלֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וָואס דִי תַּלְמִידִים גֵייעֶן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, אַלֶעס גֵייט אוֹיפְ'ן זְכוּת פוּנֶעם מְלַמֵּד. אַ מְלַמֵּד בּוֹיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל; דִי אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַלֶעס בִּזְכוּת דֶעם מְלַמֵּד.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; יוּנְגֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִין זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת, זֵיי נֶעמֶען אַרַיין יֶעדֶעס וָוארְט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר מְלַמֵּד, עֶס וֶועט בְּלַייבְּן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵיי דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד נֶעמֶען דָאס קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דָאס קִינְד קוּשְׁן דֶעם פָּרֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה אוּן אִים גֶעהֵייסְן

נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּגֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קוּשׁ דֶעם פָּרֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

נָאךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער מְלַמֵּד רֶבִּי יַעֲקֹב הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי נַ"ךְ; סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ, שׁוֹפְטִים, שְׁמוּאֵל א׳, שְׁמוּאֵל ב׳ אוּן סֵפֶר מְלָכִים בִּיז קַאפִּיטְל ח׳; מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ קִינְד פוּן זֶעקְס זִיבְּן יָאר אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַלֶע יָארְן אַז עֶר גֶעדֶענְקְט יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד, וַוייל עֶר הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְלָארְקֵייט, מִיט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. מוֹהֲרָא"ש הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוְוּסְט דֶעמָאלְט פוּן בְּרֶסְלֶב אוּן אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוְוּסְט אַז דֶער רֶבִּי יַעֲקֹב קַאלְמֶענָאוִויטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד.

בְּנוֹגֵעַ דֶער קִינְד וָואס אִיז דִיר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע אִינְגְל אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים נִישְׁט אֵיידְל; זָאג פַארְ׳ן קִינְד וָואס הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט: "זֵייעֶר גוּט אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר, זָאלְסְט אַלְץ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן"; אוּן דֶעם אַנְדֶערְן קִינְד זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אִין אַ זַייט אוּן אִים זָאגְן עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי, זָאלְסְט אִים זָאגְן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן נִיבּוּל פֶּה.

וֶוען דוּ דַארְפְסְט גֶעבְּן מוּסָר פַאר אַ קִינְד זָאלְסְטוּ דָאס טוּן אַזוֹי וִוי מֶען גֶעבְּט מֶעדֶעצִין; אַזוֹי וִוי קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מֶעדֶעצִין, אַזוֹי וִוילְן זֵיי נִישְׁט הֶערְן מוּסָר. וָואס טוּט מֶען וֶוען דַארְף גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד מֶעדֶעצִין? עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין, וָואס טוּט מֶען? מֶען גֶעבְּט זֵיי צוּ טְרִינְקֶען אַ זִיסֶע גֶעטְרַאנְק פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם אוּן אִינְדֶערְמִיט שְׁמוּגְלְט מֶען אַרַיין דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט מוּסָר; וֶוען אַ מְלַמֵּד וִויל זָאגְן מוּסָר פַארְ׳ן תַּלְמִיד, דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אוֹיסְרוּמֶען דֶעם תַּלְמִיד, וִוי טֵייעֶר עֶר אִיז, וּבְתוֹךְ הַדְּבָרִים זָאגְט מֶען אִים אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, מֶען זָאגְט אִים דִי הַארְבְּקֵייט דֶערְפוּן אוּן מֶען עֶנְדִיגְט מִיט גוּטֶע חִיזוּק, וִוי חָשׁוּב עֶר אִיז, וִוי טֵייעֶר עֶר אִיז אוּן וִוי שֵׁיין עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ פִירְן גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווילְסְט קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְסְטוּ אֵיין זַאךְ טוּן, ׳בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן׳; מֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן.

מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט זִיךְ אַלֵיין אַרָאפְּקְלַאפְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר, הָאט שֵׂכֶל אוּן זָאגְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פַאר אַייעֶר מַאן; אַז אִיר וֶועט אִים זָאגְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז עֶר אִיז גוּט אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט גוּט וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן אַז אִיר זֶענְט גֶערֶעכְט, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין גוּט.

ווִי צֶעבְּרָאכְן אִיר זֶענְט בַּיי זִיךְ, ווִי נֶעגַאטִיוו אִיר זֶענְט בַּיי זִיךְ, זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן פַאר אַייעֶר מַאן; אַ מַאן הָאט לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ,

נִישְׁט אֵיינֶער וָואס זָאגְט טָאג אוּן נַאכְט, נַאכְט אוּן טָאג: "אִיךְ בִּין אַ עֶקֶלְדִיגֶע מֶענְטְשׁ".

אַז אִיר ווִילְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז דָא אַן עֵצָה, וָואס וֶוער עֶס נוּצְט דִי עֵצָה - וֶוערְט גֶעהָאלְפְן; מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז זֵיי זֶעעֶן אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת, עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, עֶס אִיז וואוּנְדֶערְלִיךְ, דִי עֵצָה קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶס אִיז בְּחִנָּם, דִי עֵצָה אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז וֶוען מֶען זֶעט אַלֶעס שְׁוַוארְץ, ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה צוּ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה.

אִין יֶעדְנְפַאלְס זָאלְט אִיר דָאס גֶעדֶענְקֶען, נִישְׁט צוּ זָאגְן פַאר אַייעֶר מַאן: "אִיךְ בִּין עֶקֶלְדִיג", "אִיךְ בִּין שְׁלֶעכְט"; וַוייל עֶס קֶען וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שֵׁיין מְבַרֵר גֶעוֶוען דִי הֲלָכָה אַזוֹי קְלָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ מְעַיֵּן גֶעוֶוען אִין דִי תְּשׁוּבָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן כַּשְׁרוּת פוּן דִי פִילְטֶער וָואס דִי וַואסֶער בְּלַייבְּט אִין מִקְוֶה; דוּ וַוייזְט אוֹיף אַז זוֹחֲלִין אִיז נָאר וֶוען עֶס גֵייט אַרוֹיס, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט זָאגְן אַז זוֹחֲלִין אִיז אוֹיךְ אִינֶעם פְלַאץ אַלֵיינְס, אִיז אָבֶּער דָא אַנְדֶערְשׁ, וַוייל עֶס אִיז פוּנֶעם עֶלֶעקְטֶערִישְׁן כֹּחַ וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען ווִי שֵׁיין דוּ הָאסְט מְבַרֵר גֶעוֶוען דִי

הֲלָכָה אַזוֹי קְלָאר. אוֹיב אִיךְ קֶען בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר שִׁיקְן אַלֶע דַיינֶע חִידוּשִׁים; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען וִוי דוּ בּוּיסְט אַ תְּשׁוּבָה פוּן אָנְהֵייבּ, פוּן דִי גְמָרָא, רִאשׁוֹנִים אוּן אַחֲרוֹנִים, בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

אַגַב, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת דְרַיי תְּשׁוּבוֹת פוּן סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, וַוייל דָאס שַׁארְפְט אוֹיס דִי מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין זְכוּת פוּן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אִינְטֶערְנֶעט, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

יֶעצְט הֶער אִיךְ דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז אִיר בֵּיידֶע, סֵיי ... אוּן סֵיי אִיר הָאבְּן בֵּיידֶע אָפְּגֶעמַאכְט אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי אִינְטֶערְנֶעט; אִיר הָאט גֶעמַאכְט דִי בֶּעסְטֶע שְׁרִיט פַאר אַייעֶר לֶעבְּן אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת הָעֲתִידִים.

אִין דֶעם זְכוּת ווּאוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט שׁוֹין בְּקָרוֹב נִפְקָד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, אִיר זָאלְט זֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ וֵויים אַז עֶס וֶועט אַייךְ בַּאלְד צוּרִיק צִיעֶן אַהִין; וֶוען מֶען טוּט אַ גוּטֶע שְׁרִיט מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען גֵייט אַלְץ זַיין שְׁטַארְק, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר אֵיין טָאג טְרַאכְטְן 'וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ הָאבְּן אִינְטֶערְנֶעט?' אֶפְשָׁר וֶועט אַרַיינְקוּמֶען דִי אַלְטֶע גְלִיסְטֶענִישׁ, עֶס וֶועט צִיעֶן אוֹיף צוּרִיק; זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען אַז בִּזְכוּת דִי גוּטֶע קַבָּלָה וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נִפְקָד וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן אוֹיב אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב דִי אַלֶע כֵּלִים אוּן בַּיי דִי אַרְבֶּעט וֶועט אִיר הָאבְּן נָאר אַ גֶעפִילְטֶערְטֶע אִינְטֶערְנֶעט - וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דֶעם גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִיש

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דֶעם גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִיש; אִיךְ הֶער פוּן דִי מְפִיצִים וְוִי מֶען צוּכַאפְּט עֶס, מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חִיּוּת, דָאס מַאכְט זֵיי אַ טַעַם אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

עֶס זֶענֶען דָא צֶענְדְלִיגֶער גִּלְיוֹנוֹת אִין דִי שׁוּלְ'ן, אָבֶּער דֶער גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת, עֶס אִיז פָּשׁוּט לוֹפְט צוּם לֶעבְּן; לוֹפְט דַארְפְן אַלֶע, נִישְׁט קַיין חִילוּק אַ לַמְדָן אָדֶער אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ, אַ מַאן אָדֶער אַ פְרוֹי, יוּנְג אָדֶער אַלְט - אַלֶע זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם גִּלְיוֹן.

זֶעט עֶס זָאל זַיין גְרֵייט פוּן אַייעֶר זַייט וְוִי פְרִיעֶר; פְרַייטָאג אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם גִּלְיוֹן, אַז מֶען רוּפְט אַייךְ פְרַייטָאג אִיר זָאלְט פַּארְעֶכְטְן דֶעם גִּלְיוֹן וְכוּ' - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ מַגִּיהַּ זַיין, אַזוֹי וֶועט אִיר נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע אוּן עֶס וֶועט קֶענֶען זַיין גְרֵייט אִין צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ קוּמְט מֶען אָן צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, י״א אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ קוּמְט אַ גָאר פְרֵיילִיכֶע וָואךְ, בִּפְרָט פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע אִידְן; מִיר הָאבְּן דִי וָואךְ דֶעם יוֹם טוֹב לַ״ג בָּעֹמֶר. אִיךְ הָאף נָאךְ צוּ בַּאקוּמֶען אַ רְשׁוּת צוּ קֶענֶען קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אִיךְ פְּרוּבִּיר נָאכְאַלְץ צוּ בַּאקוּמֶען אַ רְשׁוּת צוּ קֶענֶען זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אִיךְ וֶועל אַייךְ לָאזְן וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ קוּם.

וָואס דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע טֶעג? מִיר וֵוייסְן אַלֶע וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דִי רוֹמִים הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ׳נֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען דְרַייצְן יָאר בַּאהַאלְטְן אִין אַ הֵייל מִיט זַיין זוּן, קוּקְט צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ; אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וַוייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת״; אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ קוּמְט מֶען אָן צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם בָּזֶה הָעוֹלָם, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַלְץ וַוייל מֶען וויל זֶען אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק בַּיי דִי אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע דַרְגָּא.

בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶוען לִיבְּשַׁאפְט, ״אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ נָשֹׂא קכח.)״, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט: ״אוּנְזֶער זַאךְ אִיז לִיבְּשַׁאפְט״; דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּ דִי גְרוֹיסֶע קְדֻשּׁוֹת; אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע דַּרְגוֹת.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן טַייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אַז אִיר וֶועט קוּקְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מֶען וֶועט זִיךְ פַּארְגִינֶען - וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ, אַז מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹחֵל אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - אִיז דָא דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְט אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת אִין שְׁטוּבּ, אוּן פַארְקֶערְט, אוֹיבּ אִיז דָא מַחֲלֹקֶת - וֶוערְט אַלֶעס חָרוּבּ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֶּאר קִינְדֶער

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק

וָואס אִיז אַ צַדִּיק? וָואס טְרַאכְט אַ צַדִּיק?

קִינְדֶער, אִיר קֶענְט טְרַאכְטְן וָואס אַ צַדִּיק טוּט וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרֶע צַייטְן?

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר אִין יָאר תשמ"ט שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט הָאט פַּאסִירְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַן עֶקְסִידֶענְט, אַ קַאר הָאט אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ צְוֵויטֶע קַאר, אִין דִי קַאר אִיז גֶעזֶעצְן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן; אָבֶּער דְרֵיי פִינְגֶערְס פוּן זַיין רֶעכְטֶע פוּס הָאבְּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, מוֹהֲרָא"ש אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, מֶען הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז מוֹהֲרָא"ש דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אַן אַפֶּערַאצְיֶע, אוּן דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי, לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אוּנְז, אַז לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל מִיט שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען דֶעם

הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר ; דֶער סֵפֶר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעמַאכְט אִין דִי הֵייל דִי דְרַייצְן יָאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֶלְעָזָר. בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעלֶערְנְט אִין שְׁפִּיטָאל דִי הֵיילִיגֶע תִּקּוּנִים הָאט מוֹהֲרָא״ש זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ גוּטֶע קַבָּלָה, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיב דִי אַפֶּערַאצִיֶע וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם וֶועט עֶר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶס פַאלְט אִים אַיין בַּיים זָאגְן תִּקּוּנִים.




מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט חִידוּשִׁים און הִתְחַזְּקוּת אוֹיפְן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים

מִיטְוָואךְ אִיז מוֹהֲרָא״ש אַרִיבֶּער דִי אַפֶּערַאצִיֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נִיסִים, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם; דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאט מוֹהֲרָא״ש אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דֶעם הֵיילִיגְ'ן סֵפֶר ״לַהֲבוֹת אֵשׁ״, חִידוּשִׁים אוּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים. מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, דָאךְ הָאט עֶר דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי גְרוֹיס דִי צַדִּיקִים זֶענֶען; אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע יְסוּרִים זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן שְׁרַייבְּן דָאס אַרָאפּ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן, מִיר וֶועלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, וֶועט אוּנְז אוֹיךְ זַיין גוּט; מִיר וֶועלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת.